## Poem From a Diary (1974)

By Avrom Sutzkever (1913-2010) *Translated by Michael Steinlauf**

Who will last?
And what will last? A breeze, a blindman's
blindness when he's passed, sea-sign,
strand of foam, a cloud caught up on its
way home.

Who will last?
And what will last? A single
sound, creation-grassed,
greening and unbound. A fiddle
rose stands tall. Seven grasses of
the grasses will understand it all.

More than all the stars north-strewn
down to here, a star will last that
falls into nothing but a tear.
In its jug a drop of wine stands true.
Who will last?
God will last.
Not enough for you?

*Winner of the 2010 Yiddish-into-English Int'l
Poetry Translation Contest, a program of
The California Institute for Yiddish Culture &
Language (CIYCL) www.yiddishinstitute.org

## ליד פֿון טאָגבוך (1974)

פֿון אַבֿרהם סוצקעווער (1913- 2010)

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן?
בלײַבן וועט אַ ווינט, בלײַבן וועט די
בלינדקייט פֿונעם בלינדן וואָס פֿאַרשווינד.
בלײַבן וועט אַ סימן פֿונעם ים: אַ שנירל שוים,
בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פֿאַרטשעפּעט אויף אַ
בוים.

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן?
בלײַבן וועט אַ טראַף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פֿידלרויז לכּבֿוד זיך אַליין, זיבן
גראָזן פֿון די גראָזן וועלן זי פֿאַרשטיין.

מער פֿון אַלע שטערן אַזש פֿון צפֿון ביז אַהער,
בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פֿאַלט אין סאַמע
טרער.
שטענדיק וועט אַ טראָפּן ווײַן אויך בלײַבן אין זײַן
קרוג,
ווער וועט בלײַבן, גאָט וועט בלײַבן, איז
דיר ניט גענוג?